6 דאָס רעכט פון קינדער. און ווייל איר זענט קינדער,
האָט ג־ט אַרויסגעשיקט דעם גייסט פון זיין זון
אין אונזערע הערצער אַריין, וואָס רופט: אבא,
7 טאַטע־פאָטער! דערפאַר ביסטו מער נישט קיין
קנעכט, נאָר אַ זון; און אויב אַ זון, (דאַן) אויך אַ
יורש דורך ג־ט.
8 נאָר דעמלט, ווען איר האָט נישט געקענט ג־ט,
האָט איר געדינט צו די, וואָס מן הטבע זענען נישט
9 קיין געטער; איצט אָבער, קענענדיק ג־ט, יאָ נאָך
מער, דערקענט פון ג־ט, וויאַזוי קערט איר זיך
עפּעס ווידער אום צו די שוואַכע און אָרעמע
אָנהויב־יסודות, צו וועלכע איר ווילט ווידער,
10 אויפסנייַ זיין אין קנעכטשאַפט? טעג היט איר אָפּ
11 און חדשים און זמנים און יאָרן. איך האָב מורא
פאַר אייך, טאָמער האָב איך געפּראַצעוועט צווישן
אייך אומזיסט.
12 איך בעט אייך, ברידער, זייט ווי איך בין, ווייל
איך בין אויך ווי איר זענט. איר האָט מיך גאָרנישט
13 באַעוולט; נאָר איר ווייסט, אַז צוליב אַ שלאַפקייט
אינעם לייב האָב איך אייך דאָס ערשטע מאָל אָנגע־
14 זאָגט די גוטע בשורה; און אייער נסיון אין מיין
לייב האָט איר נישט מבזה געווען און נישט פאַר־
וואָרפן, נאָר ווי אַ מלאך פון ג־ט האָט איר מיך
15 אויפגענומען, ווי דעם משיח ישוע. און וואו איז
(אַהינגעקומען) אייער געבענטשטקייט? וואָרום איך
זאָג אייך עדות, אַז אויב עס וואָלט נאָר מעגלעך
געווען, וואָלט איר זיך אַרויסגענומען די אויגן
16 און מיר געגעבן. בין איך דערפאַר געוואָרן אייער
17 שונא, ווייל איך האָב אייך געזאָגט דעם אמת? זיי
זענען אייפעריק וועגן אייך, נישט צום גוטן; זיי
ווילן נאָר אייך אויסשליסן, כדי איר זאָלט זיין